# שאלות ותשובות

## בעניני קאראנא והמסתעף

שנתבררו ונתלבנו ע"י הגאון הגדול מגדולי הפוסקים

רבי **מנחם זכרי' זילבער** שליט"א

גאב"ד פריימאן - וראב"ד התאחדות הרבנים

ובעל שו"ת מאזני צדק




**אויפ'ן טעלעפאָן ליין פון "התאחדות אברכים דקהל יטב לב דסאַטמאַר" - זונטאג פ' בהר בחוקתי העעל"ט**

## באַצאָלן זיצן געלט פאַר א זיץ וואָס ווערט נישט באַנוצט

**שאלה: מענטשן ווילן וויסן בנוגע זיצן אין ביהמ"ד, אין סאטמאר איז עס בעיקר נוגע אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל [און דאס זעלבע ביי אנדערע בתי מדרשים פון גרויסע קהלות], די סדר איז געווען ווי אזוי מען דינגט א זיץ, אז אנהייב יאר צאלט מען פאר'ן זיץ אויף א גאנץ יאר, אבער די עיקר וואס מען דארף עס איז פאר די ימים נוראים און שבועות, פאר סתם שבתים א גאנץ יאר וואלט מען נישט ארויסגענומען דעם זיץ. די יאר מכח המצב קוקט אויס א מעגליכקייט אז דער רבי וועט נישט אריינקומען אויף שבועות, איז די שאלה צי מען קען מבטל זיין די שכירות אדער עכ"פ אראפרעכענען א חלק אדער נישט.**

תשובה: [אחר שהאריך בבירור נפלא ביסודות דין "מכת מדינה" בגמ' מסכת בבא מציעא (דף ק"ג) והפוסקים ראשונים ואחרונים:]

איצט וועל מיר צוגיין דא צו די שאלה וואס די שואל האט דא געפרעגט. ביי די שאלה איז ממש ענדליך צו די יסודות פון די דינים און דאס איז א נפקא מינא אויף די ווייטערדיגע שאלות מסתמא אויך. א איד האט געדינגען א זיץ, האט ער געדינגען די זיץ אויף א גאנץ יאר, א גאנץ יאר מיינט געווענליך, ער דינגט עס אין אלול אויפ'ן קומענדיגן יאר, איז דא די ימים נוראים, און נאכדעם איז דא סתם שבתים, און נאכדעם איז דא שבועות, און נאכדעם איז ווייטער דא סתם שבתים ביזן סוף יאר. לעולם אז ס'געשעט אזא מעשה וואס ס'יעצט געשען דא "קאראנא ווייראס", דאס איז א מכת מדינה און טאמער מען האט נישט קיין נוצן פון די זיץ וויל דער איד וואס האט עס געדינגען נישט באצאלן די גאנצע ווייל א גרויסע חלק פון די נוצן איז ווען ער קען עס נוצן שבועות. איז לעולם וואלט ער געדארפט קענען חוזר זיין, איך וויל נישט האבן מער די זיץ.

נאר אזוי ווי מיר האמיר געזאגט, דער חתם סופר איז מסביר. די זיץ איז נישט קיין זאך וואס ער וועט באצאלן אויף א פאר חדשים ס'איז געווען און מכאן ולהבא איז עס מער נישט געדינגען, ווייל דאס איז געווען פארדינגען אויף א גאנץ יאר און מען האט דערפון גרויסע נוצן אינמיטן אין די ימים נוראים און שבועות, און שוואכע נוצן א גאנץ יאר, איז קען ער נישט זאגן איך וועל דיר באצאלן יעצט אויף די פאר חדשים וואס איך האב געהאט און אויף די פאר חדשים וואס איך האב נישט. דאס גייט א פעקעדזש פון א גאנץ יאר.

ממילא איז נישט דא קיין דין פון חזרה און דער משכיר קען נישט זאגן אז דו האסט נישט חוזר געווען האסט עס געוואלט האלטן ווייל דא האט מען נישט געקענט חוזר זיין, ס'איז איין זאך, ממילא אויב ס'איז דא א מכת מדינה ווערט א דין פון ניכוי. מען קען מנכה זיין אויף דעם וואס מען האט נישט קיין ריוח, און איך מיין אז דאס איז די הלכה טאקע.

ווי אזוי איז מען מנכה אויף דעם וואס ער האט געהאט שאדן. דארף עס ארבעטן אזוי, מען דארף אויסרעכענען וויפיל א זיץ איז ווערד ווייניגער אויב מען פארדינגט עס אויף א גאנץ יאר און מען קען נישט נוצן שבועות. לאמיר זאגן למשל אז א זיץ דינגט מען פאר טויזנט דאלאר אויף א יאר, איז אפשר די ענין פון שבועות למשל ווערד דריי הונדערט דאלאר. דארף מען רעכענען אז ער קען מנכה זיין (זיין חלק קען ער מנכה זיין), איז אזוי: ביי מכת מדינה באטראכט מען אז ביידע זענען שולדיג דער משכיר און דער שוכר, איז 50 פראצענט וואס איז ארויסגעקומען א שאדן דורכדעם וואס ס'איז געווען פארשפרייט די "קאראנא ווייראס", איז טייטש לאמיר זאגן אז די שאדן איז געווען 300 דאלאר, דארף 150 ליידן דער משכיר און 150 דער שוכר, קען דער שוכר אראפרעכענען 150$ פונעם שכירות פונעם גאנצן יאר.

## חיוב צו באַצאָלן שכר לימוד אין די תקופה

**שאלה: וועגן די תלמוד תורה, די מוסדות האבן געדארפט פארשפארן, ס'איז דא ווער ס'לערנט בכלל נישט, ס'איז דא ווער ס'לערנט נאר אביסל, צי די טאטעס זענען מחויב צו באצאלן די שכר לימוד פאר די שעות וואס מען לערנט נישט?**

תשובה: דאס איז די אנדערע צד פון דעם דין פונעם מהר"ם פאדווא. יעצט האמיר גערעדט א משל ווען ס'איז נישט בחזרה ווייל ס'איז אזוי געווען געדינגען אויף א גאנץ יאר. שכר מלומדות צאלט מען געווענליך לויט'ן חודש. איז באמת א טאטע וואס מען לערנט נישט מער יעצט מיט דעם קינד, די אומשטענדן האבן עס געמאכט, קען דער טאטע זאגן איך וויל נישט מער צאלן, ס'איז בחזרה, אז ס'איז בחזרה איז נישטא קיין ניכוי, איז אדער ביסטו חוזר טאמער ביסטו נישט חוזר דארפסטו צאלן די גאנצע געלט.אויב די טאטע וואלט געקומען, לאמיר זאגן ווען ס'האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן די מחלה און מען האט געזען אז מען וועט נישט קענען לערנען, לאמיר זאגן ס'איז געווען ראש חודש ניסן, די טאטע קומט און זאגט, איך צאל נישט מער, איך נעם ארויס מיין קינד, דו לערנסט עניווער נישט מיט מיין קינד, איך וויל נישט צאלן וואלט ער געהאט א רעכט, ס'איז געשען מום א מכת מדינה, אפילו ס'איז נישט קיין מכת מדינה ער קען חוזר זיין.

לעומת זה האמיר געזאגט טוט אויף די מהר"ם פאדווא טאמער מען איז נישט חוזר דארף מען באצאלן. געווענליך, און איך ווייס נישט ס'דא איין פאל וואס איז אנדערש, אז די טאטעס זענען נישט געקומען זאגן איך גיי נישט מער, ס'איז דא א מום און איך האלטן נישט מער מיין קינד אין ענקער מוסד און חזרה. וויבאלד ער האט עס נישט געטון, איז דאך באמת פארוואס האט ער עס נישט געטון, ער וויל נישט זיין קינד ארויסנעמען ווייל ער וויל האלטן זיין קינד דארטן זאל ווייטער גיין ווען מען וועט יא עפענען די מוסד.

נאכמער, ער פארשטייט אליין אז טאמער ער וועט ארויסנעמען יעצט אויף דעם חודש צוויי צי דריי וויפיל ס'איז, קען די מוסד אים זאגן נעקסטע יאר, אז דו קומסט, נעם איך פון דיר מער געלט, ממילא לוינט זיך נישט פאר דעם טאטן, נישט ער טוט עס, נישט ער האט עס געטון, און ממילא מוז ער באצאלן די שכר מלומדות פאר די חדשים.

## צוריקבעטן דעפּאַזיט פון חתונה זאַל

**שאלה: מען האט געגעבן א דעפאזיט פאר א חתונה זאל און מען האט נישט געקענט מאכן דארטן די שמחה, איז די שאלה צי זיי דארפן צוריקגעבן די דעפאזיט?**

תשובה: די שואל פרעגט א שאלה ביי א חתונה זאל, באמת איז דא צוויי ערליי שכירות אויף א זאל, דא אמאל א מענטש דינגט בלויז א זאל און ער פארשאפט זיך אליין דעם קעיטערער און אלע אנדערע זאכן וואס ער דארף האבן צו זיין שמחה, געווענליך ביי א בר מצוה, א שבע ברכות א סאך מאל. דאס איז א שכירות אויף א פלאץ. שכירות מען דינגט א קעיטערער ביי א חתונה איז אן אנדערע מין זאך, מען דינגט א קעיטערער מיינט מען דינגט א זאל מיט אלע צוגעהערן צו די חתונה מיינט דאס, דער קעיטערער איז א קבלן, ער נעמט אויף זיך א דזשאב צו פארשאפן אדער צו געבן א האל, צו קאכן, צוצוגרייטן טישן און בענק וכל המסתעף, דאס איז מער אזוי ווי א קבלנות, מען האט געדינגען איינעם זאל צושטעלן די אלע זאכן.

איז קודם וועל מיר רעדן פון די ערשטע זאך וואס איז א גרינגערע זאך, מען האט נאר געדינגען א פלאץ. איז אזוי: טאמער מען האט נישט געגעבן קיין דעפאזיט, פארשטייט זיך אז יעדער קען חוזר זיין ווען מען וויל, סיי ווי אזוי, אפילו ס'איז נישטא קיין שום מכת מדינה, ס'איז נישטא קיין שום אונס, מען האט נישט געמאכט קיין שום קנין קען מען חוזר זיין, טאמער מען האט געגעבן א דעפאזיט, מאכט זיך א שאלה יעצט צי מען מוז צוריקגעבן דעם דעפאזיט. דאס איז א כלליות'דיגע שאלה, יעדע זאך דארף האבן א בירור אויף דעם אופן פון דעפאזיט.

**דעפאזיט איז דא צוויי ערליי:** ס'איז דא א דעפאזיט וואס ווערט אין די גמרא אנגערופן אן עירבון, מען גיט דעם דעפאזיט כדי די וואס ווילן קויפן אדער ווילן דינגען זאלן נישט קענען חרטה האבן, אויב ער האט חרטה האט ער שאדן דאס געלט. למשל א מענטש קויפט א הויז, ער מאכט א קאנטראקט און גיט א דעפאזיט, ער גיט נישט דעם דעפאזיט צו מאכן א מקצת פרעון אדער צו מאכן א קנין מיט דעם געלט, ער האט נישט קיין שום קנין אין דעם הויז לגמרי נישט מיט דעם וואס ער האט געמאכט א קאנטראקט אדער געגעבן א דעפאזיט. די גאנצע דעפאזיט איז, דער מוכר בינדט זיך צו אז ער גייט נישט פארקויפן פאר אן אנדערן דעם הויז. וואס וועט געשען ווען דער וואס האט געמאכט דעם קאנטראקט צו קויפן וועט זיך מיישב זיין, איך קען נישט קויפן, און ער וועט דערנאך זאגן איך קויף נישט, דערפאר גיט מען געווענליך א דעפאזיט אז דער זאל שאדן האבן אויב ער איז חוזר און ממילא וועט ער נישט וועלן שאדן האבן און ער וועט נישט חוזר זיין און אויב יא וועט ער פארלירן געלט.

**די צווייטע אופן פון א דעפאזיט** א סאך מאל איז דא, וואס מען גיט א מקצת פירעון. מען נעמט א קאנטראקטער ער זאל בויען. זאגט דער קאנטראקטער ווען איך הייב אן דארפסטו מיר געבן לאמיר זאגן א פערטל פון די געלט, ווען ס'איז אזויפיל פערטיג מוזטו געבן נאך אזויפיל געלט, די געלט גיט מען נישט אלס צו גאראנטירן אז ער וועט נישט חוזר זיין, די געלט גיט מען ווייל די קאנטראקטער דארף האבן די געלט צו בויען און מען האט מיט אים שוין א געשעפט און מען צאלט א חלק פון דעם דמי פירעון.

אמאל איז דא מען דינגט א באנגעלאו איז אויך אזוי, דאס וואס מען גיט דעם דעפאזיט איז נישט נאר אז מען וועט נישט חוזר זיין פון דינגען דעם באנגעלא, מען גיט שוין פאראויס א חלק, א דריטל גיט מען פון אנפאנג, א דריטל גיט מען אינמיטן, א דריטל גיט מען ביים סוף, א סאך מאל איז אזוי די סדר.

איז אזוי, ס'קומט אויס א סאך מאל חילוקי דינים אין דעם, אין מיין ספר איז דא אויף דעם א גאנצע סימן, א בירור, חילוקים, ווען ס'איז אזוי און ווען ס'איז אזוי, וואס די נפקא מינא'ס זענען.

איז ווען א מענטש דינגט א פלאץ און ער גיט א דעפאזיט, געווענליך ער דינגט א פלאץ פאר א שמחה גיט ער נישט דעם דעפאזיט אז דאס זאל זיין א תחילת פירעון אדער דאס זאל זיין א קנין, ער גיט דעם דעפאזיט אלס אזוי ווי די גמרא רופט עס אן, אין די שולחן ערוך, אן עירבון אז ער גייט נישט חוזר זיין. איז טאמער ס'געשעט א זאך א מום אדער א פראבלעם

אין די זאך וואס מען האט גדעדינגען, אז מען קען עס נישט נוצן יעצט נארמאל געהעריג, בפשטות איז די דין אז דער וואס האט גדעדינגען אפילו ער האט באצאלט קען ער צוריקבעטן די געלט. און ממילא איז מער פשוט'ער אז דעם דעפאזיט קען ער אוודאי צוריקבעטן ווייל ער האט נאר געגעבן דעם דעפאזיט צו גאראנטירן אז ער וועט נישט חוזר זיין, אבער טאמער מ'וועט אים נישט געבן דעם פלאץ אויף א געהעריגן אופן אדער מען קען נישט נוצן דעם פלאץ, אויף דעם האט ער נישט געגעבן דעם דעפאזיט אז ער זאל פארלירן, און ממילא קומט אים צוריק די דעפאזיט.

ווען מען דינגט א חתונה זאל איז אביסל אן אנדערע דין, אזוי ווי איך האב פריער געזאגט, דאס איז א אופן פון א קבלנות, ער דינגט דעם האל, נישט דעם האל אליין, ער דינגט דעם האל מיט אלע צוגעהערן, דאס איז באמת נישט טייטש ער דינגט דעם האל, ער דינגט דעם קעיטערער דעם באלבאס אז ער זאל אים צושטעלן א חתונה, און די דין איז ווען מען דינגט א קבלן, ווען ס'געשעט א אונס אז מען קען נישט טון די מלאכה וואס מען האט גדעדארפט טון איז די דין אז סיי די קבלן און סיי די באלבאס קען חוזר זיין.

און די דין איז אז ס'איז אלעמאל פסידא דפועל, געשעט אן אונס און דער פועל דעליווערט נישט, ער טוט נישט די ארבעט, קען די באלבאס זאגן אז דו טוסט נישט די ארבעט באצאל איך נישט. אז טאמער די באלבאס האט גוויסט אין אלגעמיין, די באלבאס האט גוויסט אז ס'קען געשען א אונס און די פועל האט נישט גוויסט דעמאלטס איז פסידא דבעל הבית ווייל די באלבאס האט זיך גדעדארפט איינעמען ווייל ער האט גוויסט אז ס'קען געשען די זאך.

אבער טאמער ביידע האבן נישט גוויסט, נישט די פועל און נישט די בעל הבית און ס'געשעט א אונס אז מען קען נישט טון די פעולה וואס ער דארף טון, איז די דין אז ס'איז פסידא דפועל ער האט נישט געטון די ארבעט, אפילו ער איז געווען אן אונס דארף מען אים נישט באצאלן.

טאמער די פועל איז מוחזק מיט געלט איז שוין א שאלה אביסל, אבער אין אלגעמיין איז אזוי. איך מיין אז ס'דארף נישט אפילו עולה על דעת זיין אז די חתונה זאל שטעלט נישט צו א חתונה, ער שטעלט נישט צו א חתונה, ער איז אן אונס. וועגן דעם זאל די בעל שמחה אים באצאלן? פארוואס זאל ער אים באצאלן געלט אז ער קען אים נישט צושטעלן, ער געט אים נישט גארנישט, אפילו ער איז אן אונס, אפילו ס'איז מכת מדינה, וואס האט דאס מיט דעם מענטש וואס האט גדעדינגען די זאל, אז דו שטעלסט מיר נישט צו.

קיינער וועט נישט טראכטן ווען א מענטש האט צוגעזאגט געמאכט א קנין ער גייט פארקויפן א זאך פאר אים, אז אפילו ווען ער האט אים שוין באצאלט און ער איז געווארן אן אונס און ער ברענגט אים נישט די זאך וואס ער האט געקויפט, אז ער זאל מעגן האלטן די געלט וואס מען האט אים געגעבן, אז ער געט נישט גארנישט קומט אים נישט צו באצאלן. ממילא איז על פי פשטות דארף ער צוריקגעבן דאס דעפאזיט, ער האט נישט קיין שום טענה.

## קען א קעיטערער בעטן מער יעצט?

**שאלה: מענטשן האבן געמאכט שמחות אינדערהיים, מען האט גדעדארפט נעמען פרייוועט קעיטערערס, און למעשה זענען די קעיטערערס געווארן איבערגעשטרענגט און זיי זענען ארויף מיט די פרייזן. מענטשן האבן אויף דעם טענות, ס'איז דא א איסור מפקיע צו זיין דעם שער, איז דאס גייט אריין אינעם איסור פון מפקיע זיין דעם שער, און אפילו יא, אויב דאס איז א תירוץ נישט צו דארפן באצאלן די גאנצע געלט.**

**תשובה:** נישט קיין שום הוה אמינא, דאס איז נישט קיין מפקיע שער, און יעדע מענטש קען בעטן וואס ער וויל, פאר זיין סערוויס, פאר א זאך וואס ער פארקויפט.ס'קען זיין אמאל א שאלה פון אונאה, אז טאמער ער בעט מער ווי די פרייז און טאמער יענער ווערט אפגעפאפט, אבער טאמער ער זאגט דיך בפירוש, איבערהויפט אזא מין זאך וואס האט נישט קיין שער און ער זאגט דיך בפירוש, איך וויל מער געלט. קען זיין מען דארף אפשר מער ארויסזאגן, אבער אפילו מען זאגט נישט ארויס, יעדע מענטש קען בעטן פאר זיין זאך און פאר זיין סערוויס וויפיל ער וויל, קיינער קען אים נישט איינטיילן. אוודאי מוז מען באצאלן וואס מען האט אפגערעדט. מפקיע השער מיינט אז ער איז גורם אז די גאנצע שער אין די גאס זאל ווערן טייערער. ס'קומט נישט דא אהער, דאס איז נישט קיין מייקר השער, דאס בעט ער, ער וויל מער געלט, ער האט א רעכט צו בעטן וויפיל ער וויל און יענער האט א רעכט נישט צו נעמען פון אים.

## פרטי דינים וועגן צאָלן מקוה געלט

**שאלה: די שאלה ביי די מקוואות איז, אז אנהויב חודש צאלט מען אויף די גאנצע חודש, דא האבן די מקוואות פארמאכט אינמיטן חודש אדר, איז די שאלה קומענדיגע מאל מען וועט עפענען די מקוה קען מען עס אראפרעכענען אדער צוריקבעטן די געלט, און נאכדעם איז געווען אנדערע מקוואות וואס האבן יא געהאלטן אפען, נאר זיי האבן געבעטן טייערער פאר יעדע מקוה.**

איז די שאלה די וואס האבן שוין געהאט באצאלט אנהייב חודש, צי זענען זיי מחויב געווען צו באצאלן די טייערערע פרייז אדער זיי האבן א טענה אז אונז האמיר שוין געצאלט פאר'ן גאנצן חודש, און אויב האט מען למעשה יא פון זיי געבעטן די טייערערע פרייז צי זיי האבן א טענה אז זיי דארפן עס צוריק.

**תשובה:** אז טאמער מען האט נישט געמאכט קיין מקוה איז אזיווי מיר האמיר פריער געזאגט אז דעמאלטס איז דא א דין פון חזרה, ס'איז נישטא קיין מקוה, פריער דערמאנט בקיצור, א מענטש האט גדעדינגען א חמור, און די חמור איז קראנק געווארן און מען קען עס נישט נוצן אויף דעם וואס מען האט עס גדעדינגען, דארף מען נישט באצאלן ווייטער, דא איז אויך די זעלבע דין, ס'איז אפשר בחזרה, ער קען זאגן און אפילו ווען ער זאגט נישט, ס'ווערט בטל פון זיך אליין, ס'איז געשען אזא מין סארט זאך אז מען קען נישט האבן קיין נוצן דערפון איז דא א חזרה און ער קען לעולם בעטן צוריק, מען זאל אים געבן פאר דעם האלבן חודש וואס מען האט נישט געקענט נוצן די מקוה.

לעומת זה, האמיר שוין פריער געזאגט וואס די מהר"ם פאדווא האט געזאגט אז טאמער דו ביסט נישט געקומען זאגן אז דו ווילסט נישט מער, איז אויב די אמת איז אז מען זאגט נישט אויף די שכירות וועגן דעם ווייל מען וויל עס האלטן, ווייל דורכדעם ווערט נמשך די שכירות, דעמאלטס קומט אים נישט קיין געלט צוריק, אבער נארמאל אז ס'גייט ממש אזוי אויף יעדן חודש מיין איך אז ס'איז דא א טענה אז מען מוז צוריקגעבן געלט פאר די צייט וואס מען האט נישט גענוצט, אזוי ווי ביי א חמור וואס מען האט גדעדינגען לרכיבה און מען קען נישט ווייטער פארן דערמיט און ס'איז בטל געווארן, דעמאלטס איז בטל געווארן די שכירות אזוי ווי א חזרה און מען דארף צוריקגעבן די געלט.

פארשטייט זיך אז דער בעל המקוה קען זאגן, איך וויל די נעקסטע חודש נישט פארדינגען נאר פאר טייערער געלט, אבער דאס איז שוין צווישן אים מיט דער וואס האט גדעדינגען. פאר דעם חודש אליין, דעם חלק וואס איז נישט געווען מיין איך ער האט א טענה ער זאל עס צוריקגעבן.

טאמער ער האט יא געמאכט די מקוה און ער בעט מער געלט, איך מיין אז מען קען נישט האבן קיין שום טענה אז מען

## דער חומר האיסור פון מסירה

**פראגע: בנוגע דאס וואס מענטשן האבן אריינגערופן פאליס מסר'ן, פארשידענע תירוצים ונשמרתם מאוד לנפשותיכם, וחי בהם, מען דארף אוועקנעמען דעם בור פון רשות הרבים, עת לעשות לה' הפרו תורתיך, דינא דמלכותא דינא, וכהנה וכהנה, איז דא אויף דעם עפעס א היתר אדער ס'האט א געהעריגע דין מסירה?**

**ענטפער:** זייער א שווערע אומאנגענעמע שאלה. ס'איז כדאי אז מען רעדט פון דעם, מעורר זיין אז מען זאל נישט מזלזל זיין אין דעם, און דאס איז פון די הארבסטע זאכן. קודם דארף מען וויסן, מסירה איז אלע דורות ביי אידן געווען די הארבסטע זאך, א מסור איז געווען די ערגסטע מדריגה ביי אידן, א זאך וואס איז דא א חק און א איד איז עובר אויף דעם, אפילו אויב די חק איז געווען לטובת בני המדינה, לטובת אז מענטשן זאלן נישט ניזוק ווערן, ס'אלעמאל געווען מקובל און אזוי האט מען זיך געפירט אז ווער ס'איז געגאנגען זאגן פאר די רעגירונג אז דער איז עובר אויף דעם האט ער געהייסן א מסור. ס'איז דא א תשובה אין דברי חיים, די ממשלה האט געזאגט אז מען מוז בויען הייזער פון ציגל פון שטיינער, און איינער איז געגאנגען ער האט געבויט א הויז פון האלץ, (דער האט גע'טענה'ט,) דער וואס איז געגאנגען זאגן פאר די רעגירונג האט גע'טענה'ט אז דער האט אים שאדן געמאכט און ער טוט נאר להציל את שלו, וועגן דעם גייט ער דאס זאגן פאר די רעגירונג.

זאגט די דברי חיים, מ'קען נישט מוציא ממון זיין פון אים דעם שאדן וואס יענער האט געהאט, אויב ער האט עס געטון להציל את שלו, קען זיין מען קען אים נישט מחייב זיין. זאגט ער, אבער א מסור איז ער, ער איז פסול לעדות, ער איז א מסור. אפשר דארט איז אויך געווען די געזעץ אז מען זאל בויען הייזער פון שטיין און ציגעל כדי ס'זאל נישט זיין קיין פייערס צי כדומה. ווער ס'גייט זאגן פאר די ממשלה אז דער טוט א זאך אנדערש ווי די חק, זאגט ער, איז א געהעריגע מסור.

ס'איז דא א תשובה אין בית יצחק אז ס'איז געווען א חק אז ווען איינער האנדלט מיט נאפט מוז ער האבן א אייזענע טיר אז כדי ח"ו אז ס'ווערט א שריפה זאל זיך נישט אנכאפן דערנעבנדיגע הייזער. איינער האט נישט געהאט און ער האט פארקויפט זייער א סאך נאפט נישט ווי געווענליך, א סאך מער. דער שכן איז געגאנגען און ער האט אים גע'מסר'ט. און דער האט באקומען, חוץ פון דעם וואס מען האט אים געצווינגען צו מאכן אן אייזענע טיר האט ער נאך באקומען אן עונש אויך.די שאלה איז געווען צי ער קען פון אים מוציא זיין דאס וואס ער האט אים גורם געווען דעם שאדן. איז די בית יצחק איז מפלפל אין דעם, און דער וואס האט עס גע'מסר'ט זיין שכן טענה'ט אז ס'איז עלול אז ס'זאל געשען א גרויסע היזק פאר אים, אזוי ווי ס'איז שוין געווען כמה פעמים, און דער האט נאך געהאט זאכן וואס קענען מאכן פייער צינד-העלצלעך האט ער אויך געהאט דארטן אין דעם מרתף ווי ער האט געהאט די נאפט. די בית יצחק איז מפלפל צי ער קען אים צווינגען ער זאל אים באצאלן די געלט צי נישט, אבער די תשובה ענדיגט ער צו מיט דעם, אז דער איד האט נישט געהאט קיין רעכט צו גיין דארטן צו ערכאות. ער האט גדעדארפט רופן צו דין תורה. א איד טאר נישט גיין צו גוים מסר'ן אויף אן אנדערן איד אז ער טוט אן עוולה.

איז אזוי, דאס זעט מען פון ר' עקיבא איגר, באקאנט די בריוון פון ר' עקיבא איגר, א סאך האבן עס שוין געזען, ר' עקיבא איגר זאגט אז אין א צייט פון א דבר דארף זיין געוויסע הרחקות, ער האט געמאכט תקנות אין ביהמ"ד עס זאל נישט זיין מער ווי 15 אידן אויפאמאל, און ער זאגט אז מען קען נעמען א שומר א גוי אז ער זאל אבאכט געבן מען זאל נישט מער טון ווי ער האט פארגעשריבן אז מען זאל טון.איז אזוי: דעם געזעץ אליין, איך ווייס נישט פונקטליך וואס די געזעץ איז, אויב די געזעץ איז אז מען טאר נישט, באמת איז דאס נישט א זאך וואס ס'איז דא א דירעקטע חשש וואס ס'גייט געשען א היזק פאר אן אנדערן איד, קיינער ווייסט נישט אויב (ער האט די מחלה, און אויב) ער קען גורם זיין פאר אן אנדערן א היזק, און קיינער ווייסט נישט צי יענער גייט כאפן פון אים, ס'איז א תקנה וואס די ממשלה זאגט.

טאמער מיט'ן שכל פארשטייט מען אז ס'איז א זיכערע זאך אז ס'איז עלול צו געשען דארף מען אוודאי זיין נזהר אין דעם. איז טאמער ס'וועט נישט געשען מער ווי דאס אז טאמער מען גייט זאגן פאר פאליס למשל אז מען איז עובר אויף דעם, אויב ס'גייט נישט געשען מער ווי דאס ווי די פאליס וועט זאגן: "מען קען דאס נישט טון". קיינער וועט נישט באקומען דורכדעם א קנס אדער א עונש, קען מען מפלפל זיין אין דעם, צי אזא מין זאך קען מען טון צי נישט.

אויך אויף דעם על פי פשטות זעט אויס אז ס'מוז זיין א הוראה פון א בית דין צי פון א גדול בתורה, א הוראה אז מען דארף אזוי און אזוי טון, און ווער' ס'איז עובר אויף דעם, און ס'געשעט נישט מער ווי מען וועט זאגן אז מען זאל מקיים זיין דאס וואס מען דארף טון, קען זיין מען איז נישט קיין מסור.

**טאמער אבער איז נישטא קיין קלארע הוראה אויף דעם, נאר ווייל די רעגירונג האט געמאכט אזאנע מיני גיידליינס, און צו גיין זאגן פאר די גוי אז מען איז עובר אויף דעם, איז אפילו מען וועט גארנישט טון, איז אויך שמעקט עס מיט ריכטיגע מסירה. און כל שכן אז טאמער ס'קען קומען אויף דעם א קנס איז אוודאי אז דאס איז לכאורה בכלל פון מסירה, און פארשטייט זיך אז יעדע איד דארף פון דעם אוועקגיין כמטחוי קשת, מסירה איז פון די הארבסטע זאכן. די גמרא זאגט דאס איז איינס פון די זאכן וואס מען איז יורדין לגיהנום ונידונין לדורי דורות, גיהנום כלה והם אינם כלים, אפילו ווען די גיהנום וועט זיך שוין ענדיגן וועלן זיי נאכנישט פערטיגן מיט זייער משפט, דארף מען אויף דעם זייער א גרויסע זהירות און נישט טון א זאך אנדעם וואס ס'איז דא א קלארע הוראה אז מען מעג עס טון.**

זאל בעטן מער געלט, ער האט פארדינגען פאר יענעם א רעכט צו נוצן די מקוה, האסט עס געמאכט פאר אזויפיל געלט, און כהאי גוונא קען א מענטש נישט חוזר זיין און זאגן אז איך וויל יעצט מער געלט, ער קען נישט בעטן מער געלט אויף א זאך וואס מען האט זיך מחייב געווען צו געבן פאר א געוויסע פרייז און מען האט שוין גענומען די געלט, יענער האט עס שוין אפגעדינגען און נאכדעם שפעטער איז ער זיך מיישב: איך וויל מער געלט, ס'ארבעט נישט אזוי, מען קען דאס נישט טון.

**שאלה: און אויב האט ער יא געבעטן מער געלט און יענער האט עס באצאלט קען יענער נאך קומען יעצט צוריקבעטן דאס געלט.**

תשובה: איך מיין אז נישט, אז ער האט באצאלט, האט ער דאך מסכים געווען צו באצאלן.

## קענען שכנים שטערן א מנין אויף די גאַס?

**שאלה: מען האט געמאכט מנינים אויף די גאס און ס'איז דא שכנים וואס רעדן זיך אפ אז ס'שטערט זיי די רעש, זיי ווילן עס נישט, זיי קענען נישט שלאפן גזל שינה, צי זיי האבן א רעכט מעכב צו זיין.**

תשובה: גזל שינה איז א זאך וואס מען רעדט שוין פון דעם, אז ס'איז נישטא אזא מין זאך ווי גזל שינה, מען קען נישט גזל'ן א זאך וואס איז נישט בעין, ס'איז א רוחניות'דיגע זאך קען מען נישט גזל'ן, ס'איז נישטא א מציאות פון שינה וואס מען גזל'ט, אבער מען טאר נישט מצער זיין א איד. ס'איז דא א דין לא תונו איש את עמיתו, אונאת דברים, מען טאר נישט טשעפן א איד, מען טאר נישט מצער זיין א איד, מען טאר אים נישט אויפוועקן ווען ער שלאפט. אבער ס'איז דא א דין טאמער מען מאכט אין חצר א מלמד תינוקת לערנט מיט קינדער, ס'שטערט, אפילו דאס קען שטערן פון שלאפן איז די דין אז מען קען אים נישט מונע זיין, און די רמ"א זאגט אז יעדע דבר מצוה איז אויך אזוי, מען קען נישט מונע זיין אין א חצר פון טון א מצוה אפילו דאס קען זיין א פעולה וואס שטערט אפילו פון שלאפן.

## מוזיק וואָס שטערט פאַר שכנים

**שאלה: ענליכע שאלה איז דא וועגן שכנים וואס קריגן זיך ארום וועגן מוזיק, ס'איז דא שכנים וואס ווילן אנצינדן הויכע ספיקערס, מען דארף מוזיק אונטערצוהאלטן די קינדער, זיי זענען אינדערהיים און ס'איז דא א גרויסע עולם וואס וויל עס, ווייטער איז דא א עולם וואס דארפן עס נישט, זיי זענען נישט צופרידן אויף די אופן ווי אזוי מען זינגט עס, ..זאגן מוחל טובות אונז דארף מיר עס נישט, איז די שאלה צי די שכנים קענען מעכב זיין.**

תשובה: פשטות מיין איך אז דאס איז א ריכטיגע זאך פון נזקי שכנים, מען טאר נישט מאכן א חנות, מרבה זיין נכנסים ויוצאין ווייל די גערודער שטערט, כל שכן נאך מאכן מוזיק מאכן א חנות אין די אייגענע הויז מעג מען אפשר יא אויב די סדר איז אזוי, נאר בייטאג און נישט ביינאכט, אבער טון אזא מין פעולה, מאכן מוזיק וואס ס'שטערט ממש, נזקי שכנים, אפילו ווען רוב שכנים ווילן עס טאר מען עס נישט טון.

## בחורים וואָס האָבן דירות אין ארץ ישראל

**שאלה: נאך א שאלה וועגן בחורים וואס האבן דירות אין ארץ ישראל, און זיי נוצן עס שוין נישט פון פורים, זיי האבן געדארפט אהיימגיין און ס'שטייט ליידיג, און די משכיר זאגט אז אויב צאלן זיי נישט די רענט אויף די חדשים וואס ס'איז געשטאנען ליידיג, קען זיי נישט צוריקקומען, און זיי טענה'ן אז אונז קען מיר עס נישט נוצן, אונז וויל מיר נישט באצאלן אויף די חדשים וואס מען נוצט עס נישט, איז די שאלה צי זיי האבן א טענה אדער זיי דארפן באצאלן.**

תשובה: טאמער זיי האבן נאך דארט זאכן האלטן זיי דאך אויף יענעם'ס זאך, טאמער זיי האבן נישט דארט גארנישט און זיי ווילן נישט באצאלן, איך פארשטיי נישט וואס די שאלה איז, טאמער זיי געבן אויף די דירה האבן זיי דאך עס אויפגעגעבן דארפן זיי דאך נישט צאלן קיין רענט, אויב זיי ווילן האלטן די דירה דארפן זיי באצאלן געלט.

טאמער זיי האבן א ליעס אויף א יאר און ס'איז געווארן די קאראנא ווייררוס און זיי ווילן עס יעצט מכח דעם אויפגעבן ווייל זיי קענען עס נישט נוצן צו וואוינען, מיין איך אז זיי קענען עס אויפגעבן. אז ס'געשעט א אונס אין די זאך אז די זאך איז שוין נישט ראוי געהעריג פאר דעם וואס האט עס געדינגען קען ער דאס אויפגעבן.

אין ארץ ישראל צי דאס הייסט אויך א זאך אז מען קען עס נישט נוצן, לכאורה מיין איך אז יא.

## מוכר דאַרף אויסליידיגן די דירה

**שאלה: א מענטש וואס האט פארקויפט זיין דירה און מען האט זיך אויסגענומען מיט'ן מוכר אז אויב וועט עס נישט זיין אויסגעליידיגט ביז א געוויסע זמן וועט דער מוכר דארפן באצאלן פאר'ן קונה א סכום דאפלט ווי די נארמאלע רענט פרייז לאמיר זאגן, און וועגן די מצב האט ער נישט געקענט ארויסגיין, ס'איז נאכנישט געווען פערטיג זיין נייע דירה, די שאלה צי ער האט א טענה אז ער איז געווען א אונס, אדער מען דארף באצאלן אלעס אזוי ווי אפגעשמועסט.**

תשובה: אוודאי דארף ער באצאלן, ס'איז נישטא קיין טענה פון א אונס אז ער האט נישט וואו צו גיין אפילו אז ער האט נישט וואו צו גיין, ער ליידיגט נישט אויס יענעם'ס זאך דארף ער באצאלן.

## באַצאָלן כלה קלייד פאַר א שניידערין

**שאלה: א כלה וואס האט באשטעלט א כלה קלייד ביי א שניידערין זאל עס אויפנייען און מען האט געדארפט מקדים זיין די חתונה וועגן די מצב, און אויף פריערדיגע חתונה איז עס נאכנישט געווען פארטיג, ס'איז נישט געווען גרייט, איז די שאלה צי זי איז נאך אלס מחויב צו באצאלן פאר דעם שניידערין היות למעשה האט זי נישט געקענט נוצן דעם קלייד.**

תשובה: די שאלה איז אז בשעת ווען די קלייד איז פערטיג דארף זי עס נישט האבן, טאמער זי דארף עס נישט האבן וועגן אן אונס ווייל מען האט שוין געמאכט די חתונה פריער, לכאורה דארף מען באצאלן. איך מיין אז מען דארף באצאלן ווייל דא איז נישט שייך אזוי וויט א מכת מדינה אויף דעם קלייד, און דאס אז זי דארף נישט דעם קלייד ווייל זי האט שוין חתונה געהאט פריער איז א אונס דנפשיה, און אז יענער האט געמאכט דעם קלייד פאר איר איך מיין אז מען דארף באצאלן.

## זיך שטעלן צו דין תורה

**שאלה: אז איינער האט באקומען א הזמנה פון בית דין און ער דארף זיך שטעלן יעצט די צייט צו דין תורה און ער טענה'ט ער וויל נישט קומען ווייל ער וויל נישט ווערן אנגעשטעקט אדער ער וויל נישט באקומען קיין טיקעט, איז די שאלה צי דאס הייסט א אונס.**

תשובה: ס'איז דא א זאך וואס די פתחי תשובה (סימן ה') ברענגט פון מהריק"ש אז טאמער ס'איז געווען א מגיפה בעיר און מען האט טאקע מורא מען וועט ווערן אנגעשטעקט און ער וויל נישט קומען וועגן דעם מוז ער נישט קומען. ס'ווענדט זיך אביסל לפי ראות עיני הבית דין, ווי ווייט די חשש איז, ער מיינט נאר זיך ארויסצודרייען פון גיין צו דין תורה, אבער טאמער ס'איז באמת דא א חשש אז ס'קען אים שעדיגן קען ער זאגן אז ער וויל נישט קומען.

## באַצאָלן ווייניגער פאַר חתונה-מוזיקאַנט

**שאלה: די פרייזן ביי מוזיקאנטן אויף שמחות ארבעט אז אויף א קלענערע שמחה בעט מען לאמיר זאגן $500, אויף גרויסע שמחה, א חתונה קען מען בעטן $2,000. איז געווען דא אין די תקופה איז געווען א מציאות, מען האט געמאכט קלענערע חתונות, איז די ארבעט ביי די חתונות האט מען נאר געדארפט ארײנלייגן אזוי ווי ביי א קלענערע שמחה, סיי מיט די שעות, מען האט געענדיגט פריער, און סיי מיט די פלאץ און מיט די מענטשן, איז די שאלה צי די בעל שמחה קען טענה'ן אז פאר מיר האסטו נישט געארבעט מער ווי א קלענערע שמחה האלט איך נישט ביים באצאלן מער ווי א בר מצוה.**

תשובה: דער איז געקומען אדעתא דהכי צו ארבעטן די אלע שעות וואס מען האט אים געהאט לכתחילה געזאגט?

**שאלה: ס'איז געווען אזוי און ס'איז געווען וואס מען האט שוין געהאט אפגעשמועסט.**

תשובה: אויב מען האט אים שוין געזאגט פריער אז איך דארף דיך נישט האבן אויף אזויפיל, האמיר שוין פריער גערעדט אז ער קען אים סתם אזוי אפזאגן, ער קען אים זיכער זאגן אז איך דארף דיך נישט האבן אויף אזוי לאנג ממילא וויל איך דיר נישט באצאלן אזוי פיל. טאמער דער איז שוין געקומען, ס'איז שוין עפעס אזוי ווי התחיל במלאכה און נאכדעם שפעטער ווי ער האט געארבעט, ער האט שוין אנגעהויבן די ארבעט, זאגט ער אים איך דארף דיך אויף ווייניגער צייט מיין איך אז ער דארף אים באצאלן די גאנצע. אויב ער האט אים געזאגט פריער, יעצט לויטן מצב וועל איך דיך נאר דארפן אויף אזויפיל און אזויפיל שעה'ן מיין איך אז ער דארף אים נישט באצאלן.

## צוריקגעבן דעפּאַזיט פון באנגעלוי

**שאלה: פריער גערעדט וועגן דעפאזיט, ווען מען האט געגעבן דעפאזיט פאר קאנטרי, וואס דאס דארף לכאורה אויסקומען אז מען דארף נישט צוריקצובאקומען די דעפאזיט, צי ס'איז דא א חילוק אז באופן וואס די קאנטרי האט פון זיך אליינס פארשפארט..., אפילו לויט די געזעץ קענען זיי זיין אפען, אבער זיי פאר זיך, זייער אייגענע סיבות האבן זיי אפגעמאכט ס'לוינט זיך זיי נישט, קען מען עס יא צוריקבעטן די דעפאזיט פון זיי.**

תשובה: פארשטייט זיך.. ער געט נישט פאר יענעם א באנגאלוי דארף אים יענער נישט באצאלן, נישט קיין הוה אמינא.

## דין היזק אָדער חיוב כפרה פאַר אָנשטעקן א צווייטן מיט'ן ווירוס

**שאלה: א מענטש וואס איז געווארן אנגעשטעקט מיט'ן ווירוס און ער איז ארויסגעגאנגען און ס'איז דא חששות אז איינער איז געווארן אנגעשטעקט פון אים און יענער איז געשטארבן, אדער די זעלבע זאך ווען איינער איז געווארן נישט געזונט און ס'האט פאר יענעם געקאסט הוצאות פאר רפואה, איז די שאלה ווען יענער איז געשטארבן צי ער דארף א כפרה, און ווען יענער איז נישט געזונט געווארן צי ער דארף אים באצאלן פאר די רפואה..**

תשובה: דארפן באצאלן פסק'ן מיר אז אונז זעמיר נישט דן היינטיגע צייטן צער ריפוי נזק שבת בושת פגם, די אלע זאכן איז מען נישט דן היינטיגע צייטן. טאמער האט ער בדוקא מזיק געווען שטייט אין רמ"א אז מען זאל קנס'ענען, אזוי לפי ראות עיני בית דין, אבער צי ער דארף א כפרה, טאמער באמת, ער טראכט ביי זיך אז יענער איז ניזוק געווארן פון אים, דארף ער האבן א כפרה, ווי אזוי מען קען דאס וויסן ווייס איך נישט. אז ער איז געוואויר געווארן אז ער איז קראנק געווען און ער איז געווען נאנט צו יענעם, צי דאס איז גענוג א ראי' אז פון אים האט ער עס געכאפט און ער האט געטון אן עוולה אז ער איז געגאנגען נעבן אים, דאס איז א זאך וואס מען קען נישט מברר זיין און פארשטייט זיך מען קען נישט מוציא ממון זיין אויף אזא מין זאך, און אויף א כפרה, טאמער ער פילט אז ס'קען זיין אזוי זאל ער טון תשובה און ער זאל האבן א כפרה.

*

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל ניצול ווערן יעדער איינער מכל פגעין ומרעין בישין, פון אלע חולאים, און אלע וואס זענען נחלה געווארן זאל דער אייבערשטער אוודאי שיקן א רפואה שלימה במהרה, און דער אייבערשטער זאל העלפן יעצט קומט זמן מתן תורתינו מען זאל קענען מקבל זיין די תורה בשמחה ובטוב לבב מרוב כל, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זיך קענען פירן בדרכי התורה בכל פרטתיה ודקדוקיה, על פי הלכה, און דער אייבערשטער זאל העלפן משפיע זיין חסדים ורחמים אויפ'ן כלל ישראל, אונז זאל מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.



הגאון הגדול אב"ד פריימאן שליט"א ביים געבן דעם שיעור אויפן טעלעפאון ליין, לינקס דער שואל נכדו הרה"ג ר' אהרן גרינפעלד שליט"א מחשובי לומדי כולל חו"מ תורה ויראה דסאטמאר אין וויליאמסבורג